STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10933

DER MANDAT OYF ERTS-YISROEL

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פרייז 4 רעי

№ 4.

אונטער דער הויפּט־רעדאקציע
פון ד״ר י. ב. ספיר.

דער מאנדאט
אויף
ארץ־ישראל

מיט א פארווארט פון י. סקווירסקי.

אויסגאבע
— פונם —
מרכז פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין בעסאראביע.
קעשענעוו, תרפ״ד.

דרוקעריי „טעכניק“, מ. דעקטאר.

.... פ ע ר ל א ג ....

„ציוניסטישע פאלקס-ביבליאטעק".

עס זענען ערשינען פאלגענדע בראשירן:

1 №. „אויף וואס דארף מען דאס?"—פון ש. גארעליק פרייז 3 לעי
2 №. „די ציוניסטישע ארגאניזאציע"—פון ש. שווארץ,
מיט א פארווארט פון ד"ר י. ספיר „ 3 „
3 №. „דער שקל"—פון ש. אייזענשטאדט און ש. שווארץ „ 3 „
4 №. „דער מאנדאט אויף א"י", מיט א פארווארט פון י. סקווירסקי „ 4 „
5 №. „די געשיכטע פונם ציוניזם" (ביז חבת־ציון) פון ד"ר י. ספיר „ 4 „

פרייז פאר אויסלאנד: №№ 1, 2, 3 צו $1\frac{1}{2}$ סענט
„ №№ 4, 5 „ 2 „

בא באשטעלונג פון 50 עקז.—10% ראבאט, פון 100 עקז.—15% ראבאט
„ „ 200 „ —20% „ „ 300 „ —25% „

די פאסט־הוצאות אויפן חשבון פון באשטעלער.

עס גרייטן זיך צום דרוק בראשורן אויף פאלגענדע טעמען:

די געשיכטע פון חבת־ציון (פון ד"ר פינסקער ביז ד"ר הערצל),—
די געשיכטע פון פאליטישן ציוניזם (פון ד"ר הערצל ביז'ן מאנדאט),—
די געאגראפיע פון א"י,—
די געשיכטע פון א"י,—
די ערפאלגן פון דער אידישער קאלאניזאציע אין א"י פאר די לעצטע 40 יאר,—
די ציוניסטישע פאליטישע דאקומענטן,—
אונזער נאציאנאלע שפראך,—
דער אידישער אוניווערסיטעט אין ירושלים,—און אנד.

מיט באשטעלונגען זיך ווענדן:

Mercaz Sionist. Chişinău, Romania. str. Chievului, 52.

י. סקווירסקי

די גרונדלאגן פונ'ם ארץ־ישראל'דיגן מאנדאט.

דער פארליגנדער מאנדאט, וואס דינט איצט אלס גרונדשטיין פון אונזער א״י־דיגן אויפבוי, איז ענטשטאנען אלס רעזולטאט פון לאנגע פאליטישע אונטער־האנדלונגען צווישן דער ציוניסטישער ארגאניזאציע און די גרויסמעכטיגע מלוכות, און האט, אלס אויסגאנגס־פונקט די באלפור דעקלאראציע פונ'ם 2־טן נאוועמבר 1917 און דעם באשלוס פון דער פרידנס־קאנפערענץ אין סאן־רעמא פונ'ם 24־טן אפריל 1920 יאר.

פינף יאר האט געדויערט דער פארקערפערונגס־פראצעס פון אונזערע היסטא־רישע פאדערונגען, און די דאזיגע לאנגדויערדיגקייט האט געבראכט דערצו, אז דער א״י־מאנדאט איז באשטעטיגט געווארן בא גאר אנ'אנדערער פאליטישער סיטואציע און ס'איז נויטיג געווען די מעכטיגע שטיצע פון אמעריקע, כדי צו לעגן א סוף פאר־שידענע אויסריידן, וואס האבן אפגעשטופט די באשטעטיגונג פונ'ם מאנדאט מחודש לחודש.

די דאזיגע שטערונגען, וואס זיינען מיט גרויסע אנשטרענגונגען פון אונזערע פירער באזייטיגט געווארן, האבן צום גליק ניט געהאט קיין שום ווירקונג אויפ'ן תוכן פונ'ם מאנדאט. דאס איינשליסן פון דער באלפור־דעקלאראציע אינ'ם מאנדאט, האט צוגעגעבן דער לעצטער די קראפט פון א אינטערנאציאנאלער התחייבות און האט אונטערגעשטראכן, אז דער מאנדאטאר איז פאראנטווארטליך פאר דער פארווירקליכונג פון דער דעקלאראציע. אויך קען אונז צופרידנשטעלן די גאנצע איינלייטונגס־טייל פונ'ם מאנדאט, וואס דינט אלס באגרינדונג פונ'ם דאזיגן פאליטישן אקט, ווייל זי געפינט זיך אין הסכם מיט אונזערע באגערן און היסטארישע תביעות. ראשית, ווערט אנערקענט די היסטארישע פארקניפפונג פון די אידן מיט פאלעסטינע. מיט אנדערע ווערטער, ס'ווערט פארשטאנען, אז מיר באזיצן היסטארישע רעכט אויף אונזער אלטער היים. דאמיט ווערט סאנקציאנירט אונזער דורות־לאנגער דראנג נאך ארץ־ישראל, און מיר שטעהען פאר'ן פעלקער־בונד, ווי פאר א בעל־פקדון, וואס קערט

אונז אום דאס, וואס די געשי׳כטע האט בא אונז אפגערויבט. אין איינקלאנג מיט דעם, קלינגט פייערליך דער זאץ, וואס רעדט וועגן דעם, אז די אויבנדערמאנטע היסטארישע פארקניפּפונג דינט אלס גרונד פאר דער ווידעראויפ־שטעלונג פון אונזער נאציאנאלער היים אינ׳ם דאזיגן לאנד. דא באקומען שוין אונזערע היסטארישע רעכט א קלארע און אומצווייפלדיטיגע פארטייטשונג: ס׳רעדט זיך ניט וועגן בויען אויפסניי א היים פאר׳ן אידישן פאלק, נאר וועגן ווידעראויפבוי, און אין די דאזיגע ווערטער ליגט פארבארגן דער סוד הגאולה.

ווער דארף די דאזיגע התחייבות׳ן ערפילן? דער מאנדאט לעגט די דאזיגע אויפגאבע ארויף אין נאמען פונ׳ם פעלקערבונד אויפ׳ן מאנדאטאר, אויף ענגלאנד, און די לעצטע פארפליכטעט זיך אזוי ארום פייערליך, „אז דאס לאנד זאל געשטעלט ווערן אונטער אזעלכע פאליטישע, אדמיניסטראטיווע און ווירטשאפטליכע באדינגונגען, וואס זאלן זיכערן דאס אויפשטעלן פון א אידישער נאציאנאלער היים" (ארט. 2). די דאזיגע ריזיגע אויפגאבע פאדערט, נאטירלאך, די שטענדיגע מיטארבעט פונ׳ם מאנדאטאר מיט׳ן אידישן פאלק, וואס שטרעבט צו באזעצן זיך אין זיין לאנד. צוליב דעם ווערט אין ארט. 4 פארויסגעזעהן די שאפונג פון א אידישער פארטרעטונג (Jewish Agency)—אידישע אגענץ, „וואס האט דעם צוועק זיך בעראטן מיט דער א״י־דיגער אדמיניסטראציע און מיטארבעטן מיט איר אין ווירטשאפטליכע, סאציאלע און אנדערע אנגעלעגנהייטן, וואס זיינען נוגע דעם אויפבוי פון דער נאציאנאלער היים". אויך האט די „אידישע אגענץ" לויט׳ן ארט. 11 דאס רעכט ארויסצוטרעטן פאר דער א״י־דיגער רעגירונג, אלס קאנטראגענט און אונטערנעמען קאנצעסיעס אויף פארשידענע עפנטליכע ארבעטן, ווי אויך אויף עקספלואטאציע פון דער נאטירליכער עשרות פונ׳ם לאנד. ווי ס׳איז צו זעהן פון די אנגעצייכנטע אויפגאבן דערמאנט די „אידישע אגענץ" הערצלס „טשארטער" מיט דעם חלוק, וואס בא הערצלען איז דער טשארטער געווען אנ׳ענין בפני עצמו, און דא איז ער איינגעשלאסן אין א מעהר ברייטע און קאמפּליצירטע סיסטעם און האט דער׳צו שטיצע פונ׳ם מאנדאטאר.

אלס „אידישע אגענץ" ווערט לויט׳ן מאנדאט אנערקענט די ציוניסטישע ארגאניזאציע. אויף איר ליגט די אויפגאבע אונטערצונעמען „אין הסכם מיט דער בריטישער רעגירונג די נויטיגע שריט, כדי צו זיכערן די מיטארבעט פון אלע אידן, וואס ווילן מיטהעלפן באם אויפשטעלן פון דער אידישער נאציאנאלער היים". דארום באשעפטיגט אזוי די לעצטע צייט די ציוניסטישע עפנטליכקייט די פראגע וועגן דער אידישער אגענץ. דער לעצטער קאנגרעס, וואס איז דורכגעגאנגען אונטערן צייכן פון דער דאזיגער פראבלעם, האט געגעבן די ציוניסטישע פירער אנ׳אויפטראג צו בילדן

אזא מין בוראטנדע קערפערשאפט, וואס זאל באשטעהן פון פארשטעהער פון אידישע ישובים און חברות, וואס זיינען גרייט זיך באטייליגן אינ'ם בנין הארץ אינ'ם גייסט פונ'ם באשטעטיגטן מאנדאט, און פארשטעלן דאס אידישע פאלק פאר'ן מאנדא־טאר און דעם פעלקער־בונד. די נויטיגע פארבערייטונגס־שריט ווערן איצט דורכגעמאכט אין פארשידענע לענדער, און ס'איז צו האפן, אז די אידישע אגענץ וועט אין די נאענט־סטע חדשים ענטשטעהן.

דער מאנדאט שטעלט זיך אפ גאנץ גענוי אויף די שריט, וואס די פאלע־סטינער אדמיניסטראציע און דער מאנדאטאר דארפן אונטערנעמען, כדי צו פארלייכטערן פאר די אידן די איינוואנדערונג אין לאנד, ווי אויך דאס אננעמען פון פאלעסטינער בירגערשאפט. דערביי ווערט פארבעהאלטן, אז די א"י־דיגע אדמיניסטראציע דארף ערמעגליכן א קאמפאקטע אידישע באדן־קאלאניזאציע און פארשטעלן דער אידישער אגענץ צוליב דעם צוועק די מלוכה־לענדערייען, וואס זיינען ניט נויטיג פאר עפנטליכע צוועקן, ווי אויך וויסטע ערד־שטחים.

נאך זיי פאלגן די פונקטן, וואס באשטימען די פאליטישע רעכט פון די אידן אין א"י, נעמליך: די באשטימונגען וועגן די אפיציעלע שפראכן און וועגן די רוהע־טעג. דער ארט. 22 ערקלערט גאנץ דייטליך די העבראישע שפראך אלס אפיציעלע, באגלייך מיט די צוויי איבריגע (ענגליש און אראביש) און באטאנט, אז אלע אויפ־שריפטן און ערקלערונגען דארפן באצייכנט ווערן אין די דריי אנגעוויזענע שפראכן. אויך ווערט לויט'ן זין פונ'ם ארט. 23 אנערקענט אלס געזעצליכער רוהע־טאג שבת באגלייך מיט די רוהע־טעג פון די קריסטן און מוסולמענער. ס'איבריג אנצעווייזן, אז דא האבן מיר פאר זיך דעם ערשטן אינטערנאציאנאלן אפמאך, וואו ס'ווערט גאראנטירט די אידן אויף א עפנטליך־רעכטליכן אופן די וויכטיגסטע נאציאנאלע רעכט.

א באדייטענד ארט איז אפגעגעבן געווארן אינ'ם מאנדאט די „הייליגע ערטער". פאלעסטינע איז א נאציאנאלע היים פאר אונז אידן, און א רעליגיעזער צענטר פאר דער גאנצער מענשהייט. הגם די ענטשפרעכנדע פונקטן זיינען נוגע די באַ־ציהונגען צווישן דעם מאנדאטאר און אנדערע מלוכות לגבי די „הייליגע ערטער", שטעלן זיי פאר אונז פאר א באדייטענדן אינטערעס און צייכנען אן פארהעלטנישן, וואס קענען האבן א אונדירעקטע השפעה אויך אויפ'ן גאנג פונ'ם א"י־אויפבוי. רעדנדיג וועגן דער רעליגיאנס און געוויסנס־פרייהייט, צערשטערן די דאזיגע פאראגראפן צו־ביסלעכווייז די מחיצות, וואס זיינען דורות־ווייז אויפגעשטעלט געווארן צווישן די אידן און אנדערע אומות העולם. באם ווינעלע פון אלע אמונות ווערן געשטילט אלע

בייזע געמיטער און ס'ווערט אויסגעטרעטן א וועג פאר א פרידליכן צוזאמענלעבן פון אלע רעליגיעס אין זייער היסטארישער נעסט.

פון די איבריגע באשטימונגען פאר דיגען דערמאנט צו ווערן די פונקטן, וואס ריידן וועגן דער מלוכה־שוץ און וועגן דעם רעכט פון מאנדאטאר אפצושטעלן די אנ־ווענדונג פונ'ם מאנדאט אויף דעם געביט פון עבר־הירדן. דער ערשטער פונקט, וואס זעהט ניט פאראויס קיין ענגלישן גארניזאן אין א"י, נאר בלויז פרייוויליגע ארטיגע חילות, גאראנטירט ניט אין דער פולער מאס די עפנטליכע זיכערהייט אין לאנד, וואס איז איינע פון די נויטווענדיגסטע פאראויסזעצונגען פאר פלאנמעסיגער מאסן־אימיגראציע. פיל סעריעזער איז דער אנדערער פונקט (ארט. 25), וועלכער האט מתחלה ערמעגליכט א געוויסע פארשמעלערונג פון דעם געביט, אויף וועלכן דער מאנדאט איז חל. ער האט געבראכט צו דעם, אז דער עבר־הירדן איז מיט'ן הסכם פונ'ם פעלקער־בונד און ענגלאנד אפגעזונדערט געווארן פון פאלעסטינע. דאס צערגלידערן פונ'ם לעבעדיגן היסטארישן קערפער פון פאלעסטינע איז א טרויעריגער פאקט, וועלכער ערקלערט זיך מיט אונזער איצטיגער שוואכקייט אין לאנד, ווי אויך מיט דער פאליטיק, וועלכע ענגלאנד האט ביז איצט געפירט מיט די אראבער.

די לעצטע צייט האבן מיר בייגעוואוינט א נייע ווענדונג אין די ענגליש־אראבישע באציהונגען. די חוצפה'דיגע און ניט פאראנטווארטליכע האלטונג פון די אראבער לגבי דער א"י־דיגער רעגירונג האט געבראכט דערצו, אז די ענגלענדער האבן זיך אפגעזאגט פון ווייטערע אונטערהאנדלונגען מיט די פאלעסטינער אראבער.

מיר ווילן ניט פארמאכן די אויגן אויף דעם, אז, ענטהאלטנדיג די ראשי־פרקים פונ'ם פאליטישן ציוניזם, לאזט דער מאנדאט איבער נאך פיל ארט פאר צוויי־דייטיגער פארטייטשונג און נעבלדיגער פארמולירונג. אזוי איז גאנץ ניט קלאר דער באגריף „נאציאנאלע היים", וועלכן דער מאנדאט האט אריינגעשטעלט גלייך פון דער באלפור־דעקלאראציע, ניט באמיהענדיג זיך צו געבן א מעהר דייטליכן און פונקטליכן בירוש. גאנץ נעבלדיג זיינען פארמולירט אונזערע רעכט אויף אימיגראציע און פירגערשאפט, און ס'זיינען ניט אנגעוויזן די מאסנאמען, וואס רעאליזירן די דאזיגע רעכט. בנוגע צו דער אידישער אגענץ איז ניט פעסטגעשטעלט, ווי אזוי ארום וועט די לעצטע קענען ווירקן אויף דער א"י־דיגער רעגירונג, אז זי זאל בפעל מיטווירקן דער אויפשטעלונג פון דער אידישער נאציאנאלער היים. אנערקענענדיג, ווייטער, די ציוניסטישע ארגאניזאציע, אלס די אידישע אגענץ, ווערט גלייכצייטיג אנגעוויזן, אז די באשטימונג איז א צייטווייליגע, נאר ביז דאן, ווען די פארם און די קאנסטיטוציע פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע וועלן, לויט דער מיינונג פונ'ם מאנדאטאר

ענטשפרעכן איר באשטימונג. דאס לאזט איבער דעם רשות אין די הענט פונ'ם מאנ־דאטאר און שוואכט אפ דעם פאליטישן געוויכט פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע. דער מאנדאט ענטהאלט אויך ניט קיין דירעקטע אנווייזונגען אויף די עקאנאמישע פריווילעגיעס, וואס דארפ'ן אונז נעגעבן ווערן, כדי צו ערמעגליכן א אידישע מערהייט אין לאנד. ענדליך פעהלט אינגאנצן די אנווייזונג אויפ'ן טערמין, ווען פאלעסטינע וועט קענען סוף כל סוף פארוואנדלט ווערן אין א זעלבסטשטענדיגע מדינה.

די עלאסטישקייט און ניט קלארקייט פון א סך פונקטן, וועלכע האבן געפירט בא אונז און נאך מעהר בא די אראבער צו איבערגעטריבענע אפשאצונגען, האבן געבראכט דערצו, אז ערב דער באשטעטיגונג פונ'ם מאנדאט האט די ענגלישע רעגירונג פארעפענטליכט א „ווייסן בוך" (White Paper), אין וועלכן זי האט אויף א באגרעניצטן פאר אונז, אידן, אופן פארטייטשט דעם מאנדאט. די ציוניסטישע ארגאניזאציע האט בהכרח צו דעם דאזיגן קאמענטאר צוגעשטימט, ווייל ער האט, אייגנטליך, געדינט אלס פארבארגענע באדינגונג מצד ענגלאנד פאר דער ענדגילטיגער באשטעטיגונג פונ'ם מאנדאט. גלייכצייטיג דארף, אבער, פעסטגעשטעלט ווערן, אז אויב מיר זיינען ניט גאראנטירט פון אזעלכע ווייטערדיגע פירושים, זיינען מיר מיט'ן מאנדאט גופא גאנ'ץ זיכער. אלע פחדים פון אונזערע פיינד און פריינדליכע שוואַרצזעהער, אז דער מאנדאט זאל אין א שעהנעם טאג ניט אפגעשאפן ווערן, האבן אונטער זיך קיין גרונד ניט. שוין ניט רעדנדיג וועגן דעם, אז אזא שריט נויטיגט זיך אין דער הסכמה פונ'ם פעלקער־בונד און וואלט ארויסגערופן געוויסע אינטערנאציאנאלע קאמפליקאציעס, איז ענגלאנד גופא בלוטיג פאראינטערעסירט צו פארבלייבן אין א"י, וועלכע דינט פאר איר אלס גיבראלטאר פון פעדערשטער אזיע. איינער פון די איינפלוסרייכסטע ענגלישע ארגאנען, „ניו־סטייטסמאן", האט זיך וועגן דער פראגע ארויסגעדרוקט פאלגענדערוויזע:

„מיר הערן אפט — שרייבט דער „ניו סטייטסמאן" — „אז מיר זיינען אין ארץ־ישראל בלויז צוליב די אידן, בלויז דערפאר, ווייל די באלפור דעקלאראציע האט אונז פארפלאנטערט אין דער אוואנטיורע, און אונזער כבוד ערלויבט אונז ניט פון דארטן אוועקצוגעהן. אונז פאסט ניט ברעכן אונזער ווארט.

„אבער פאר וואס זאלן מיר זיך אליין אפנארן און מאכן אנשטעלן פון מארטירער? עס איז אמת, אז מיר האבן גענעבן א פארשפרעכונג צו עטאבלירן די אידישע היימלאנד, און עס וועט בלייבן א פלעק אויף אונזער כבוד, אויב מיר ברעכן אונזער ווארט. דאס איז אבער ניט אן אוואנטיורע. ריכטיגע און געזעצליכע ענגלישע אינטערעסן זיינען מיט ארץ־ישראל פארבונדן. זעהר וויכטיגע מיליטערישע אינטערעסן וועלכע זיינען ארויסגעוואקסן זינט די ענדערונג אין עגיפטן, און די נויטיגקייט פון

א פעסטן סטראטעגישן באזיס פאר דער שוץ פון סועץ־קאנאל. מיר ווילן ניט באהערשן אזיען מיט דער שווערד, אבער דערפאר אליין טאקע איז נויטיג, אז מיר זאלן האבן א שטארקן באוואפנטן הינטערגרונד, געגרייט געגן יעדן פארזוך צו ברעכן דעם פרידן. פאלעסטינע איז פאר אונז דער שליסל צום מזרח פון מיטל־לענדישן ים און מערב־אזיע".

נאטירליך, אז זיך פארלאזן בלויז אויף ווערטער קומט ניט אוים. מיר דארפן ניט פארגעסן אין דער געזעצליכער מעגליכקייט צו אפעלירן צום פעלקער־בונד, ווי אויך די ציוניסטישע פאליטישע ארבעט, וואס דארף שטארקן די סימפאטיען פון די אומות העולם צו דער שאפונג פון א אידישער נאציאנאלער היים אין א"י. מיר מוזן אבער אונטערשטרייכן, אז די קראפט פונ'ם מאנדאט ליגט הויפטזעכליך ניט אין די אויסערליכע פאליטישע פאקטארן, נאר אינ'ם טעמפ פונ'ם אויפבוי פו א"י. דער מאנדאט האט געעפנט פאר אונז גרויסע פאליטישע אוןווירטשאפטליכע מעגליכקייטן און אנערקענט אונזערע היסטארישע רעכט אויפ'ן לאנד. דאס איבריגע, דאס וויכטיגסטע און דאס שווערסטע—דער בנין הארץ גופא—ליגט אויסשליסליך אויף אונזערע פלייצעס. פירנדיג א אינטענסיוון אויפבוי, שאפנדיג, לויט א באשטימטן ברייטן פלאן, מאטעריעלע ווערטן, אריינברענגענדיג אין לאנד ארבעטספעהיגע מענשן־מאסן,—וועלן מיר דעם מאנדאט שטארקן און פארפעסטיגן.

דער ציוניזם, וואס שטאמט פון זעלבסטבאפרייאונג, קערט זיך איצט אום צו זיינע געבורט־קוועלן. דער מאנדאט האט נאר פארברייטערט דאס פעלד פון אידישער שאפונג אין א"י, און פונ'ם אידישן פאלק הענגט אפ, אז די אתחלתא דגאולה, וואס צייכנט די באלפור־דעקלאראציע, זאל אין דער מאנדאט־תקופה געפונען איר ווירדיגן און שפע־רייכן המשך.

די באלפור־דעקלאראציע.

דאס מיניסטעריום פאר אויסערליכע ענינים,
לאנדאן, 2־טן נאוועמבער 1917.

ליבער לארד ראטשילד,

עס פארשאפט מיר גרויס פארגניגן אייך איבערשיקן, אין נאמען פון זיין מאיע־סטעטס רעגירונג, פאלגנדע סימפאטיע־ערקלערונג לגבי די אידיש־ציוניסטישע שטרע־בונגען, וועלכע איז באטראכט און אנגענומען געווארן דורכ'ן קאבינעט:

„די רעגירונג פון זיין מאיעסטעט באציהט זיך מיט פולער סימפאטיע צום שאפן פון א נאציאנאלער היים אין פאלעסטינע פאר'ן אידישן פאלק און וועט מאכן די גרעסטע אנשטרענגונגען, כדי צו ערלייכטערן די דערגרייכונג פונ'ם דאזיגן ציל. דערביי ווערט קלאר פעסטגעשטעלט, אז ס'וועלן ניט אונטערגענומען ווערן קיין שום שריט, וועלכע זאלן קענען פארמינדערן די בירגערליכע און רעליגיעזע רעכט פון דער ניט אידישער באפעלקערונג אין פאלעסטינע, אדער באריהרן די רעכט און פאליטישע לאגע פון די אידן אין אנדערע לענדער".

די דאזיגע מעלדונג בעט איך אייך ברענגען צו קענטניש דער ציוניסטישער פעד־דעראציע.

מיט דרך־ארץ

ארטור דזשעמס באלפור.

דער מאנדאט אויף פאלעסטינע,

וועלכער איז באשטעטיגט געווארן פונ'ם ראט פונ'ם פעלקער־בונד דעם 24־טן יולי 1922 יאר אין לאנדאן.

נעמענדיג אין אכט, אז די פארבינדעטע הויפט־מעכטע האבן—אין איינקלאנג מיט'ן ארטיקל 22 פונם סטאטוט פונ'ם פעלקער־בונד—זיך פארשטענדיגט, אז די פארוואלטונג איבער דער טעריטאריע פון פאלעסטינע, וועלכע האט געהערט פריער דער טערקישער מלוכה, דארף—אין די ראמען פון דורך זיי פעסטגעשטעלטע גרעניצן—אנפערטרויט ווערן אין די הענט פון איינער פון די אויבנדערמאנטע מלוכות, אויס־געוועהלטע אלס מאנדאטארין,—

אז די פארבינדעטע הויפט־מעכטע האבן צוגעשטימט דערצו, אז דער מאנדא־טאר דארף זיין פאראנטווארטליך פאר דער פארווירקליכונג פון דער דעקלאראציע, וואס איז פארעפנטליכט געווארן דעם 2־טן נאוועמבער 1917 יאר דורך דער רע־גירונג פון זיין מאיעסטעט, דעם ענגלישן קעניג, און וועלכע איז דערנאך אנערקענט געווארן דורך די איבריגע פארבינדעטע הויפט־מעכטע, און וואס זעהט פאראויס די אויפשטעלונג פון א נאציאנאלער היים פאר'ן אידישן פאלק אין פאלעסטינע, מיט דער פאראויסזעצונג, אז ס'זאל אין קיין פאל ניט באריהרט ווערן די בירגערליכע און רעליגיעזע רעכט פון דער ארטיגער ניט אידישער באפעלקערונג, ווי אויך די רעכט און דער פאליטישער מעמד פון די אידן אין אנדערע לענדער,—

אז אזוי ארום איז אנערקענט געווארן די היסטארישע פארקניפּונג (historical connexion) פונ'ם אידישן פאלק מיט פאלעסטינע, און די גרונדלאגן פאר דער ווידעראויפשטעלונג פון זיינער נאציאנאלער היים אין דעם דאזיגן לאנד,—

אז גרויסבריטאניען איז דורך די פארבינדעטע הויפט־מעכטע אויסגעוועהלט גע־ווארן אלס מאנדאטאר פאר פאלעסטינע,—

אז דער מאנדאט איז פארמולירט, ווי ער לויטעט ווייטער, און איז צוגע־שטעלט געווארן דעם ראט פונ'ם פעלקער־בונד צו אנערקענונג,—

אז גרויסבריטאניען האט אקצעפטירט דעם מאנדאט איבער פאלעסטינע און האט זיך אונטערגענומען אים פארווירקליכן אין נאמען פונ'ם פעלקער־בונד אין הסכם מיט די ווייטער דערמאנטע באשטימונגען,—

און אז דער אויבנדערמאנטער ארטיקל 22 זעהט פאר, אז דער אויטאריטעט, דער קאנטראל און אדמיניסטראציע, וואס ווערן צוגעשריבן דער מאנדאטאר־מאכט, אויף וויפיל זיי ווערן ניט רעגולירט דורך אפמאכן פון די מיט־גלידער פונ'ם פעלקער־בונד, ווערן פעסטגעשטעלט און פארמולירט דורכ'ן ראט פונ'ם פעלקער־בונד,—

ווערן די באשטימונגען פון דעם אנגעוויזענעם מאנדאט באשטעטיגט אין פאלגענדן טעקסט:

ארטיקל 1.

דער מאנדאטאר באזיצט די פולע געזעצגעבערישע און אדמיניסטראטיווע מאכט, זאוויט זי ווערט ניט באשרענקט דורך די באשטימונגען פונ'ם דאזיגן מאנדאט.

ארט. 2.

דער מאנדאטאר איז פאראנטווארטליך פאר דעם, אז דאס לאנד זאל געשטעלט ווערן אונטער אזעלכע פאליטישע, אדמיניסטראטיווע און ווירטשאפטליכע באדינגונגען, וועלכע זאלן זיכערן דאס אויפשטעלן פון א אידישער נאציאנאלער היים (וואס איז פאראויסגעזעהן אין דעם איינטריט־אבזאץ פונ'ם מאנדאט), די ענטוויקלונג פון די זעלבסטפארוואלטונגס־אינסטיטוטן, ווי אויך די בירגערליכע און רעליגיעזע רעכט פון אלע איינוואוינער פון פאלעסטינע, אהן אונטערשיד פון ראסע און רעליגיע.

ארט. 3.

דער מאנדאטאר דארף, אויף וויפל עס וועלן ערלויבן די אומשטענדן, מיטווירקן דער ענטוויקלונג פון דער ארטיגער זעלבסט־פארוואלטונג.

ארט. 4.

די ענטשפרעכנדע אידישע פארטרעטונג („אידישע אגענץ״—„Jewish Agency״) ווערט אנערקענט אלס עפנטליכע קערפערשאפט, וואס האט דעם צוועק זיך בעראטן מיט דער א״י אדמיניסטראציע און מיטארבעטן מיט איר אין ווירטשאפטליכע, סאציאלע און אנדערע אנגעלעגנהייטן, וועלכע זיינען נוגע דעם אויפבוי פון דער אידישער נאציאנאלער

היים און די אינטערעסן פון דער אידישער באפעלקערונג אין פאלעסטינע, און מיטווירקן און אנטיילנעמען אין דער ענטוויקלונג פונ'ם לאנד אונטער דעם קאנטראל פון דער אדמיניסטראציע.

אלס אזעלכע פארטרעטונג ווערט אנערקענט די ציוניסטישע ארגאניזאציע, כל זמן זי ווער, נאך דער מיינונג פונ'ם מאנדאטאר, ענטשפרעכן, לויט איר קאנסטיטוציע און סטרוקטור, איר באשטימונג.

די ציוניסטישע ארגאניזאציע נעמט פאר, אין הסכם מיט דער ענגלישער רע־גירונג פון זיין מאיעסטעט, די נויטיגע שריט, כדי צו זיכערן די מיטארבעט פון אלע אידן, וואס ווילן מיטהעלפן דעם אויפשטעלן פון דער אידישער נאציאנאלער היים.

ארט. 5.

דער מאנדאטאר איז פאראנטווארטליך פאר דעם, אז קיין געביט פון דער פא־לעסטינער טעריטאריע זאל ניט אפגעטרעטן ווערן, אדער, אפגעגעבן אין פאכט, אדער אין וואס פאר ס'ניט איז אנדער פארם, אונטער דעם קאנטראל פון איין אויסלענדישער מלוכה.

ארט. 6.

די אדמיניסטראציע פון פאלעסטינע דארף, ניט פארמינדערנדיג די רעכט און פון דער איבריגער ארטיגער באפעלקערונג, ערלייכטערן די אידישע איינוואנדערונג דורך ענטשפרעכנדע פאראָרדנונגען און מזרז זיין, מיטארבעטנדיג מיט דער אין ארטיקל 4 דערמאנטער "Jewish Agency„, די געשלאסענע באזעצונג פון לאנד־קאלאניזאציע, מיט'ן איינשלוס פון די מלוכה־לענדערייען, וואס זיינען ניט נויטיג פאר עפנטליכע צוועקן, ווי אויך וויסטע ערד־שטחים.

ארט. 7.

די פאלעסטינער אדמיניסטראציע איז פאראנטווארטליך פאר דער דורכפירונג פונ'ם געזעץ וועגן בירגערשאפט. אין דעם דאזיגן געזעץ דארפן איינגעשלאסן ווערן מאסנאמען, וואס זאלן ערלייכטערן דאס אננעמען פון פאלעסטינער בירגערשאפט דורך די אידן, וואס האבן א דויערנדן וואוינזיץ אין פאלעסטינע.

ארט. 8.

די לגאטעס און פריווילעגיעס פון די אויסלענדער, מיט'ן איינשלוס פון די באזונדערע רעכט אויף קאנסולארישע יורסדיקציע און שוץ אין דער פארם, ווי זיי זיינען פארמולירט געווען אין די קאפיטולאציעס פון דער אטאמאנישער מלוכה, ווערן ענדגילטיג אפגעשאפן אין פאלעסטינע.

ווען די מלוכות, וועמענס בירגער ס'האבן צום 1 אויגוסט 1914 יאר געניסן פון די אויבנדערמאנטע לגאטעס און פריווילעגיעס, זאלן ניט וועלן זיך אפזאגן פונ'ם רעכט זיי צו באנייען, אדער מיט זיי זיך ניט צו באנוצן אין משך פון א באשטימטן פעריאד, דאן געהען זיי אריין אין פולער מאס ווידער אין קראפט, ווען דער מאנדאט וועט אויפהערן גילטן, אבער מיט יענע באשרענקונגען, אויף וועלכע די פאראינטערעסירטע צדדים וועלן זיך איינינן.

ארט. 9.

דער מאנדאטאר איז פאראנטווארטליך פאר דעם, אז אין דער געריכט־סיסטעם פון פאלעסטינע זאל אין א פולער מאס געזיכערט ווערן די רעכטליכע לאגע פון די אויסלענדער, ווי אויך פון די ארטיגע איינוואוינער. ס'דארפן געשוצט ווערן די פערזענליכע רעכטס־פארהעלטנישן (פערזענליכער סטאטוס) פון פארשידענע פעלקער און געמיינשאפטן, אין צוזאמענהאנג מיט זייערע רעליגיעזע אינטערעסן. באזונדער דארף אויסגעפירט ווערן דער קאנטראל און די פארוואלטונג מיט די „וואקופן", אין הסכם מיט די רעליגיעזע געזעצן און וואונשן פון די מנדבים.

ארט. 10.

פאר פאלעסטינע זיינען גילטיג, ביז ס'וועלן ניט פעסטגעשטעלט ווערן קיין באזונדערע אפמאכן, די פארטראגן, וואס זיינען געשלאסן געווארן צווישן דער מאנדאטארמאכט און אנדערע מלוכות בנוגע צום ארויסגעבן די פארברעכער.

ארט. 11.

די פאלעסטינער אדמיניסטראציע דארף אננעמען אלע נויטיגע שריט, כדי אפצוהיטן די אינטערעסן פון דער באפעלקערונג, וואס זיינען נוגע דער אנטוויקלונג פונ'ם לאנד,—און ערפילנדיג די התחיבות'ן יואס שטאמען פון די אינטערנאציאנאלע אפמאכן, וועלכע זיינען געשלאסן געווארן דורכ'ן מאנדאטאר, האט די אדמיניסטראציע די פאלמאכט צו זארגן וועגן דעם עפנטליכן און מלוכה־אייגנטום, וועגן קאנטראל איבער די נאטירליכע אוצרות, עפנטליכע ארבעטן, איינגאמען און אינטערעסן, וואס זיינען פאראן אדער דארפן ערשט איינגעפירט ווערן. זי דארף אויך פעסטשטעלן א באדען־ארדנונג, וואס זאל ענטשפרעכן די באדערפנישן פונ'ם לאנד, און וואס זאל אויך אונטערשטיצן, און זאל אונטער אלעמען האבן דעם צוועק מיטווירקן דער געשלאסענער קאלאניזאציע און אינטעסיוון אויפבוי פונ'ם לאנד.

די אדמיניסטראציע קען שליסן מיט דער „Jewish Agency" (וואס איז דערמאנט אין ארט. 4) אפמאכן, לויט וועלכע די לעצטע קען נעמען אויף זיך, אונטער

נערעכטע באַדינגונגען, די אויספֿירונג פֿון אַלערליי עפֿנטליכע אַרבעטן און פּראָדוקציעס, ווי אויך די עקספּלואַטאַציע פֿון די נאַטירליכע אוצרות, אויף וויפֿיל דאָס ווערט ניט אונטערגענומען דורך דער אַדמיניסטראַציע זעלבסט.

אין די דאָזיגע אָפּמאַכן דאַרף ווערן פֿאַרבאַהאַלטן, אַז די הכנסות, וואָס די „Jewish Agency“ באַקומט דירעקט, אָדער אומדירעקט, דאַרפֿן ניט איבערשטייגן די געוועהנליכע קאַפּיטאַל־צינזן, און אַלע איבעריגע רווחים דאַרפֿן אָנגעווענדעט ווערן צוגונסטן פֿונ׳ם לאַנד, לויט די פֿאָרמען, וואָס וועלן באַוויליגט ווערן דורך דער אַדמיניסטראַציע.

אַרט. 12.

דעם מאַנדאַטאַר ווערן אָנפֿערטרויט דער קאָנטראָל איבער די אויסערליכע באַציהונגען פֿון פּאַלעסטינע, ווי אויך דאָס רעכט צו באַשטעטיגן די קאָנסולן פֿון אויסלענדישע מעכטע. אויף אים ליגט אויך די פֿליכט צו לייסטן דיפּלאָמאַטישע און קאָנסולאַרישע שוץ די פּאַלעסטינער בירגער אויסער די גרענעצן פֿון פּאַלעסטינע.

אַרט. 13.

די פֿולע פֿאַראַנטוואָרטונג בנוגע די הייליגע ערטער, רעליגיעזע געבוידע און פּלעצער אין פּאַלעסטינע, איינשליסנדיג די אחריות פֿאַרן אָפּהיטן פֿון די באַשטעהענדע רעכט, פֿאַר דער זיכערונג פֿון אַ פֿרייען צוגאַנג צו די הייליגע ערטער און פּלעצער און פֿאַר דער פֿרייער אויספֿירונג פֿון גאָטעס־דינסט אין פֿולער אָרדנונג און אָנשטענדיגקייט, ליגט אויפֿ׳ן מאַנדאַטאַר, וועלכער איז אין אַלע דערמיט פֿאַרבונדענע אַנגעלעגענהייטן פֿאַראַנטוואָרטליך אויסשליסליך פֿאַר׳ן פֿעלקער־בונד.

דער דאָזיגער אַרטיקל שטערט ניט דעם מאַנדאַטאַר צו שליסן מיט דער פּאַלעסטינער אַדמיניסטראַציע אָפּמאַכן, וועלכע זאָלן האָבן דעם צוועק צו ערפֿילן די אויבנדערמאָנטע פֿאַרפֿליכטונגען, מיט דער פֿאָראויסזעצונג, אַז דער מאַנדאַטאַר האָט ניט דאָס רעכט זיך אַריינמישן אין דער פֿאַרוואַלטונג אָדער אינ׳ם אינערליכן סדר פֿון די מוסולמענישע הייליגע ערטער, וועמענס אומבאַריהרליכקייט ס׳ווערט גאַראַנטירט.

אַרט. 14.

דער מאַנדאַטאַר שאַפֿט אַ ספּעציעלע קאָמיסיע, כדי צו פּרובן און פֿעסטצושטעלן די תביעות און רעכט אויף די הייליגע ערטער, ווי אויך די תביעות און רעכט, וואָס זענען נוגע פֿאַרשידענע רעליגיעזע געמיינשאַפֿטן אין פּאַלעסטינע.

דער אַרט פֿון באַשטימונג פֿון דער דאָזיגער קאָמיסיע, איר צוזאַמענשטעלונג און פֿונקציעס דאַרפֿן פֿאָרגעלעגט ווערן צו באַשטעטיגונג דעם ראַט פֿונ׳ם פֿעל־

קער־בונד, און וועמענס סאנקציע די קאמיסיע קען ניט אויסגעוועהלט ווערן, ווי אויך אנהויבן צו ארבעטן.

ארט. 15.

דער מאנדאטאר דארף זארגן, אז ס'זאל אלעמען געזיכערט ווערן די פולשטענדיגע געוויסענפרייהייט און די פרייע אויספירונג פון אלע פארמען פון גאטעס־דינסט, אויף וויפיל זיי ענטשפרעכן די פאדערונגען פון עפענטליכער ארדנונג און מאראל. ס'טאר ניט געמאכט ווערן קיין שום אונטערשיד צווישן די פאלעסטינער איינוואוינער אויפ'ן גרונד פון זייער ראסע, רעליגיע אדער שפראך. קיינער קען ניט ארויסגעשיקט ווערן פון פאלעסטינע אויסשליסליך פאר זיינע רעליגיעזע איבערצייגונגען.

דאס רעכט פון יעדער געמיינשאפט צו אויסהאלטן אירע אייגענע שולן, כדי צו ערציהען אירע מיטגלידער אין איר שפראך (אויף וויפיל דאס שטעהט אין איינקלאנג מיט די פעדאגאגישע פאדערונגען אלגעמיינער נאטור, וועלכע די אדמיניסטראציע קען ארויסשטעלן), קען ניט אפגענומען אדער באשרענקט ווערן.

ארט. 16.

דער מאנדאטאר איז פאראנטווארטליך פאר דעם אויפזיכט, וואס ווערט דורכגעפירט איבער דער טעטיגקייט פון די רעליגיעזע און מיסיאנס־קערפערשאפטן פון אלע גלויבענס אין פאלעסטינע, און וואס האט דעם צוועק אונטערצוהאלטן די עפענטליכע ארדנונג און גוטע פארוואלטונג. באם דורכפירן פונ'ם דאזיגן אויפזיכט אין פאלעסטינע דארפן ניט אנגענומען ווערן אזעלכע מאסנאמען, וואס קענען שטערן אדער שאדן ברענגען דער מיסיאנערן־טעטיגקייט, אדער מאכן אונטער זיי אן אונטערשיד אויפ'ן גרונד פון רעליגיע אדער אונטערטיינשאפט.

ארט. 17.

די פאלעסטינער אדמיניסטראציע קען, כדי אונטערצוהאלטן דעם שלום און ארדנונג אין לאנד, ווי אויך צוליב פארטיידיגונגס־צוועקן, ארגאניזירן אויף א פרייוויליגן אופן די נויטיגע כחות, אונטער'ן קאנטראל פונ'ם מאנדאטאר, און קען זיך באנוצן מיט זיי צוליב די אנגעוויזענע צילן, ניט אנדערש ווי מיט דער צושטימונג פון דעם מאנדאטאר. אויסער ווי פאר די אנגעוויזענע צוועקן קען די פאלעסטינער אדמיניסטראציע ניט זאמלען און אויפהאלטן קיין שום מיליטערישע קרעפטן.

דער דאזיגער ארטיקל שטערט ניט דער פאלעסטינער אדמיניסטראציע אנטיילצונעמען אין די קאסטן, וואס דער מאנדאטאר טראגט, כדי צו אונטערהאלטן די קרעפטע אין פאלעסטינע.

דער מאנדאטאר האט דאס רעכט יעדע צייט זיך צו באנוצן מיט די גאסן באנען, האפן פון פאלעסטינע, כדי צו איבערפירן מיליטער, קריגס־מאטעריאלן און נארונגס־מיטלען.

ארט. 18.

דער מאנדאטאר דארף זארגן דערפאר, אז ס'זאל ניט עקזיסטירן אין פאלע־סטינע קיין שום אונטערשיד באם בעהאנדלען די בירגער פון די מלוכות, וואס געהן אריין אין פעלקער־בונד (סיי די געזעלשאפטן, וואס געפינען זיך אונטער דער שוץ פון די דאזיגע מלוכות) — אין זין פון שטייערן, האנדל, שיפּ־פאהרט, אינדוסטריע, האנד־ווערק, בעהאנדלונג פון האנדלס־שיפן און פליה־אפאראטן. אויך דארף אין פאלעסטינע ניט עקזיסטירן קיין שום אונטערשיד בנוגע צו סחורות, וואס שטא־מען פון וועלכע ס'ניט איז פון די אויבנדערמאנטע מלוכות, אדער וועלכע זיינען באשטימט פאר זיי. דער טראנזיט איבער'ן גאנצן מאנדאט־געביט דארף זיין פריי און אונטער גערעכטע באדינגונגען.

אין צוזאמענהאנג מיט אויבנדערמאנטע, ווי אויך מיט אנדערע פונקטן פונ'ם, דאזיגן מאנדאט, קען די פאלעסטינער אדמיניסטראציע, אין הסכם מיט'ן מאנדאטאר ארויפלעגן שטייערן און צאל־אפצאלונגן, וועלכע זי וועט האלטן פאר נויטיג, און אונטערנעמען אזעלכע שריט, וועלכע וועלן, לויט איר מיינונג, מיטווירקען דער ראצי־אנעלער עקספּלואטאציע פון די נאטירליכע אוצרות פון לאנד און דער פארטיידיגונג פון די אינטערעסן פון דער באפעלקערונג.

די פאלעסטינער אדמיניסטראציע האט רעכט צו שליסן, אין הסכם מיט'ן מאנדאטאר, צאל־אפמאכן מיט אנדערע מלוכות, וועמענס טעריטאריעס האבן אין 1914 יאר געהערט צו אזיאטישער טערקיי אדער אראביען.

ארט. 19.

דער מאנדאטאר שליסט זיך איין, אין נאמען פון דער פאלעסטינער אדמיני־סטראציע, אין אלע אלגעמיינע אינטערנאציאנאלע קאנווענציעס, וואס עקזיסטירן איצט אדער וועלן געשלאסן ווערן, מיט'ן הסכם פון דעם פעלקער־בונד, — וועלכע זיינען נוגע דעם קנעכט־האנדל, דעם האנדל מיט געווער און אמוניציע, כעמישע פראדוקטן, דער האנדלס־גלאכהייט, דער פרייהייט פון טראנזיט, שיפּ־פאהרט, לופט־שיפפאהרט, פאסט־טעלעגראף און דראטלאזן פארקעהר, אדער דעם ליטערארישן, קינסטלערישן און אינ־דוסטריעלן אייגענטומרעכט.

ארט. 20.

דער מאנדאטאר פירט דורך, אין נאמען פון דער פאלעסטינער אדמיניסטראציע, אויף וויפיל עס ערלויבן די רעליגיעזע, סאציאלע און אנדערע באדינגונגען, דעם

פונ׳ם פעלקער־בונד באוויליגן אלגעמיינעם רעזשים בנוגע צו דער פארהיטונג און בעקעמפפונג פון קראנקהייטן, מיט׳ן איינשלוס פון קראנקהייטן פון פלאנצן און בהמות.

ארט. 21.

דער מאנדאטאר זיכערט די איינפירונג און דורכפירונג, אין משך פון 12 מא־נאטן פון דער דאזיגער דאטע, פון א געזעץ וועגן אלטערטימער אויפ׳ן גרונד פון וויטער־דערמאנטע באשטימונגען. דער דאזיגער געזעץ קומט אויפ׳ן ארט פונ׳ם פריערדיגן אטאמאנישן און דארף זיכערן די בירגער פון אלע מלוכות, וואס זיינען איינגעשלאסן אין פעלקער־בונד, גלייכע רעכט אויף צו מאכן ארכעאלאגישע פארשונגען:

1. „אנטיקיטעט"— בעדייט יעדעס געבילד אדער שפור פון מענשליכער טעטיג־קייט פון דער צייט פאר דעם 1700 יאר.

2. דער געזעץ וועגן דעם שוץ פון די אנטיקיטעטן דארף דורכגעפירט ווערן מעהר דורך ערמוטיגונגס־מיטלען אלס דורך דראהונגען. ווען א פערזאן, וואס באזיצט ניט קיין ערלויבניש, וועלכע איז פאראויסגעזעהן דורכ׳ן 5 פאראגראף, געפינט א אנטי־קיטעט און מעלדעט וועגן דעם דעם ענטשפרעכענדן באאמטן פונ׳ם טערקישן דע־פארטאמענט, ווערט אים אויסגעצאלט א באלוינונג, וואס ענטשפרעכט דער ווערט פון דער געפינענער זאך.

3. אויסער דעם טערקישן דעפארטאמענט, באזיצט קיינער ניט דאס רעכט צו פארוואלטן מיט די אנטיקיטעטן, הויך די פעלע, ווען דער דעפארטאמענט זעלבסט זאגט זיך אפ פון זיין רעכט אויף די דאזיגע אנטיקיטעטן. קיין אנטיקיטעט קען ניט ארויס־געפירט ווערן פונ׳ם לאנד אן דער אויספארבאוויליגונג פונ׳ם טערקישן דעפארטאמענט.

4. יעדער, וואס צעשטערט אדער באשעדיגט אים בעזן ווילן אדער אויס נאכלעסיגקייט א אנטיקיטעט, דארף אונטערגעווארפן ווערן א פעסטבאשטימטן שטראף.

5. אויספארשונגען און אויסגראבונגען זיינען פארבאטן אונטער א געלטשטראף און ווערן ערלויבט נאר די פערזאנען, וועלכע האבן אויף דעם די צושטימונג פונ׳ם ענטשפרעכנדן טערקישן דעפארטאמענט.

6. עס דארפן פעסטגעשטעלט ווערן ענטשפרעכענדע מאסנעמען וועגן דער צייטווייליגער אדער דויערנדער עקספראפריאציע פון שטחים, וואס באזיצן א היסטא־רישן אדער ארכעאלאגישן אינטערעס.

7. ערלויבנישן אויף אויסגראבונגען דארף'ן געגעבן ווערן נאר אזעלכע פערזאָנען, וואס קענען צושטעלן א גענוגענדע גאראנטיע וועגן זייערע ארכעאלאגישע ערפארונגען. די טערקישע רעגירונג קען ניט באזייטיגן בא דער פארטיילונג פון די ערלויבנישן געלערטע פון פארשידענער נאציאנאליטעט אן שום באזונדערע גרונדן.

8. די רעזולטאטן פון די אויסגראבונגען דארף'ן פארטיילט ווערן צווישן דעם פינדער און דעם דעפארטאמענט, לויט דער פארהעלטניש, וואס איז פעסטגעשטעלט געווארן דורכ'ן טערקישן דעפארטאמענט. ווען אזא פארטיילונג וואלט זיך אויס וויסנשאפטליכע גרונדן ארויסגעוויזן אלס אנמעגליכע, באקומט דער פינדער אנ'ענטשפרעכנדע באלוינונג.

ארט. 22.

ענגליש, אראביש און העברעאיש ווערן אנערקענט, אלס אפיציעלע שפראכן פון פאלעסטינע. אלע ערקלערונגען אדער אויפשריפטן אויף אראביש אויף מארקן און מטבעות דארף'ן ווידערהאלט ווערן אויף העברעאיש, און אלע ערקלערונגען און אויפשריפטן אין העברעאיש דארף'ן ווידערהאלט ווערן אין אראביש.

ארט. 23.

די פאלעסטינער אדמיניסטראציע דארף אנערקענען די פייערטעג פון פארשידענע רעליגיאנס-געמיינשאפטן אין פאלעסטינע, אלס געזעצליכע רוה-טעג פאר די מיטגלידער פון די געמיינשאפטן.

ארט. 24.

דער מאנדאטאר דארף צושטעלן דעם ראט פונ'ם פעלקער-בונד א גענויעם יערליכן באריכט איבער די מאסנאמען, וואס זיינען אונטערגענומען געווארן אין משך פונם יאר, כדי צו דורכפירן די מאנדאט-באשטימונגען. קאפיעס פון אלע געזעצן און פאראָרדנונגען, וועלכע זיינען ארויסגעגעבן און פארעפנטליכט געווארן אין פארלויף פונ'ם יאר, דארף'ן בייגעלעגט ווערן צום באריכט.

ארט. 25.

דער מאנדאטאר האט רעכט, מיט'ן הסכם פונ'ם ראט פונ'ם פעלקער-בונד, צו ענדערן אדער אפצושטעלן אויף דער טעריטאריע, וואס ליגט צווישן ירדן און דער ענדגילטיג-באשטימטער מזרח'ישער גרענעץ פון פאלעסטינע, די דורכפירונג פון יענע פונקטן פונ'ם מאנדאט, וועלכע ער וועט געפינען פאר ניט פאסענד צו די עקזיסטירנדע ארטיגע פארהעלטנישן, — און אויך צו אונטערנעמען פאר דער טעריטאריע

אזעלכע שריט אויפ'ן אדמיניסטראטיוון געביט, וואס זאלן ענטשפרעכן "די ארטיגע באדינגונגען, מיט דער פאראויסזעצונג, אז די מאסנאמען זאלן ניט ווידערשפרעכן די ארטיקלען 15, 16 און 18 פונ'ם מאנדאט.

ארט. 26.

דער מאנדאטאר איז איינפערשטאנדן דערמיט, אז אין פאל, ווען צווישן אים און א אנדערן מיטגליעד פונ'ם פעלקער־בונד וועלן ענטשטעהן חלוקי־דעות בנוגע צום אויס־טייטשן, אדער צו דער אנווענדונג פונ'ם מאנדאט, וועלכע וועלן ניט קענען ערלעדיגט ווערן דורך א בלויזער פארהאנדלונג,—דארף די ערלעדיגונג פון די מיינונגס־פארשידנהייטן איבערגעגעבן ווערן דעם שטענדיגן אינטערנאציאנאלן טריבונאל, ווי ס'איז פאראויסגעזעהן דורכ'ן ארט. 14 פונ'ם סטאטוט פונ'ם פעלקער־בונד.

ארט. 27.

צו יעדער ענדערונג פון די באשטימונגען פונ'ם דאזיגן מאנדאט איז נויטיג די צושטימונג פונ'ם ראט פונ'ם פעלקער־בונד.

ארט. 28.

אין פאל, ווען דער מאנדאט, וואס איז איבערגעגעבן געווארן דעם מאנדאטאר, זאל אויפהערן גילטן, דארף דער ראט פונ'ם פעלקער־בונד פעסטשטעלן, אונטער דער גאראנטיע פונ'ם בונד, אזא רעזשים, וואס ער וועט געפינען פאר נויטיג, כדי צו זיכערן די רעכט, וואס זיינען גאראנטירט, לויט די ארט. 13 און 14. אויך דארף דער ראט אויסנוצן זיין השפעה, כדי צו שאפן, אונטער דער גאראנטיע פונ'ם בונד, די זיכערהייט, אז די פאלעסטינער אדמיניסטרא־ציע זאל קענען ערפילן די פינאנציעלע התחיבות'ן, וועלכע די אדמיניסטראציע האט גענומען אויף זיך אינ'ם מאנדאט־פעריאד, איינשליסנדיג אין זייער צאל אויך די תביעות פון די רעגירונגס־בעאמטע אויף פענסיע אדער באלוינונג.

דער פארליגנדער עקזעמפליאר דארף זיך געפונען אינ'ם ארכיוו פונ'ם פעלקער־בונד, און די נאטירטע קאפיעס וועלן איבערגעגעבן ווערן דורכ'ן גענעראל־סעקרעטאר פונ'ם פעלקער־בונד אלע מיטגלידער פונ'ם בונד.

אלע אידן דארפן לייענען

די איינציגע אין גאנץ רומעניע
אונאפהענגיגע טעגליכע אידישע צייטונג

„אונזער צייט“

3-טער יארגאנג
ארויסגעגעבן פון פארלאג-געזעלשאפט „אונזער צייט“.

אבאנעמענט-פרייז
אין קעשענעוו
פאר 1 חדש . 45 לעי
„ 3 חדשים 125 „
„ 6 „ 240 „

אדרעס פון רעדאקציע און
אדמיניסטראציע:
Chișinău, str. Nicolaevscaia 123.

אבאנעמענט-פרייז
אין פראווינץ
פאר 1 חדש . 55 לעי
„ 3 חדשים 150 „
„ 6 „ 280 „

טראנספארט-און עקספעדיציאנס-געזעלשאפט

נ. בריקעט קאמפ.

קעשענעוו, מיכאילאווסקע 53.

Romānia—Basarabia.

קארעספאנדענטן אין אלע גרעסטע שטעט פון דער וועלט.

הוצאת ובית מסחר ספרים **„מוריה“** קישינוב, רחוב ניקולי 70.

י״ל ונמצאים למכירה:

א. **הסתוריה עתיקה מצוירת** בשביל תלמידי המחלקות הראשונות של בתי הספר התיכוניים, חוברת א׳ עמי הקדם, חוברת ב׳—יון, חוברת ג׳—רומא. — הספר נדפס בתכלית ההדור ובו כמאה וחמשים ציורים הנותנים לילד מושג ברור על חיי העולם העתיק. — הספר מאושר ע״י הועד המרכזי של חברת „תרבות“ בבסרביה. מחיר כל שלשת החוברות 75 ליי.

ב. **מחברת לנטיות ותרגילי דקדוק** מחירה 3 ליי.

למ״ס ובי״ס הנחה הגונה.

בבימ״הס מוריה יש להשיג את כל הספרים שהופיעו במשך העת האחרונה בכל ההוצאות העולמיות, הן בעברית והן ביהודית.

הכתבת: Librăria „Moria“, Chișinău, str. Nicolaevscaia 70—România